Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# A ṭoyṭ di ḳanibaln!

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּערעץ

Moskve, 1941

רעיימראטיור

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-7280

Visual Library

# רויטארמייער

מיט זאפטן ווערט דער עפּלבוים שוין זאט,
און פרוכטן הילן זיך אין גרינגעוועבטן שלייער;
נאָר יעדער צווייַג און יעדער בלאט
באגערט דייַן ביקס פֿארשטעלן, רויטארמייער!

זיך דורכוועבן מיט דייַן פארשטייַטער קויל,
מיט וועלכער דו באוואכסט דייַן לאנד, דייַן קינד, דייַן מאמע;
אז ס׳זאָל מיט פייַער שטילן זיך דאָס אומווירדיקע מויל,
וואָס, בעטנדיק א טרונק, האָט עס דייַן קוואל געוואָלט פארסאמען!

צום וווּקס פון מענטש דערשטייַגט דאָס ווייץ,
און זאנגען וויגן זיך אף ווינטעלעך אף שטילע;
נאָר יעדער גרעזל רייַסט זיך מיט פארפלייץ,
פונקט ווי מיט קרענץ, ס׳געווער דאָס גרויַזאמע פארהילן!

אז פייַער-מאבל זאָל באגעגענען דעם פייַנט
אף וועגן גאָלדענע מיט ברויט געבעטע,
וואָס ער, באזויפט מיט בלוט, האָט הייַנט
זיך אָפּגעלאָזט פארוויסטן און צעטרעטן!

איז גיי און טרעף, שאקאל, פארדעקט מיט נאכט, –
פארשמעקט עס האָט דיר פלייש, נאָר בלייַ וועט זייַן צו זעט דיר!

א זעונג מיט דײַנ טויט דיכ הײַנט דערוואַרט
בא יעדנ בוים אונ קוסט, ווו ס׳גרינענ שטיל די בלעטער.

פאַרמעסט ניט שווערד זיכ מיט דער שאַרפ פונעם שוואַרצאַפּל,
ער שנײַדט אַדורכ דאָס פעלד פונ פלאַמיקע זאַווײַענ;
אונ יעדער ווינט אַפ וועגנ וויקלט זיכ אונ דראַפּעט
פאַרשלײַערנ דײַנ ביקס, געטרײַער רויטאַרמײער!

געטרײַער זונ פונ פאָלק! באַוווּנדערער פונ צײַט,
עס זיצט זיכ ניט דײַנ קינד, דײַנ פאָטער אינ דער הײם הײַנט—
אַדורכגעברענט די שטרעקעס אינ דער ווײַט—
זײַנענ זײ בײדע נעבנ דיר, צוקאָפּנס בא דעם הײמלאַנד!

שילוכים קומענ פונ די גערטענער צו לויפנ
מיט קרענצ מיט גאָלדענע פונ אויסגערײַפטע פרוכט;
— נעמ, הײמלאַנד טײַערע, פונ פולע הויפנס,
— נעמ, הײמלאַנד טײַערע,— די לענדנ זיכ באַגורט!

אונ שיק זײ אָפּ אונדזערע שטאָלצע קריגער—
דאָס בעסטע פונעם פאָטערלענדלעכנ פאַרזײ;
פאַר זײ, פאַר זײ האָט די גערטעניש געשטיגנ,
אונ ניט געקאַרגט די ערד האָט גאָרניט ניט פאַר זײ!

עס האָבנ עפּשער אָדלערלעכ זיכ אומגעקערט פונ שלאַכט,
פאַרוווּנדעטע אונ מידע פונ געפעכטנ,
אינײנעמ מיט די שטערנ מיט די ליכטיקע באַנאַכט,
מיט זיגנ דורכגעהילכטע אַפ די שווערדנ...

עס האָבנ עפּשער אָדלערלעכ אַדורכגעשײַנט
אינ הימל-הײכ, ווי פליִענדיקע שניטער;

אליין די וואָלקנס האָבן זיי פארשטעלט פון פיינט,
ווי מיט א שאל פארדעקט דאָס קינד א מאמע אין געוויטער!

מיט צאָרן הייליקן, מיט ליבשאפט אופגעפלאטערט,
קאָן איצט קיין בוים ניט בלייבן רויק אין דער ערד;
ווייל אומעטום — אין פעלד, אין שטאָט בא די ווארשטאטן
דער שלאכטיקער „הורא" פון שלאכטפעלדער זיך הערט!

איז גיי און טרעף, שאקאל, באדעקט מיט נאכט,
פארשמעקט עס האָט דיר ברויט, נאָר בליי וועט זיין צו זעט דיר;
א זעונג מיט דיין טויט דיך היינט דערוואַרט
בא יעדן בוים און קוסט, ווו ס'גרינען שטיל די בלעטער!